בס"ד

# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר בראשית

נתנדב לזכות יואל בן אסתר רחל

וזוג' היינצא יהודית בת אסתר ניסל, וכל יוצאי חלציהם

## פרשת וירא

# שטענדיג שטייגן

**פרנס השבוע**

לע"נ
ר' פנחס בן ר' יעקב ע"ה
ר' ישכר דוב בן ר' יעקב נפתלי ע"ה

לרפואת שלימה
**יהודא בן רחל** בתושח"י

לע"נ
מרת רחל בת ר' שלמה ע"ה

צו מנדב זיין רופט:
**347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org



לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה,**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשט

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.222.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-0332**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**


בשריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש


© Copyright 2021 by: TorasAvigdor.org



Email: Director@torasavigdor.org | Telephone: 347.451.0332
Address: 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת וירא

שנה ד׳

# שטענדיג שטייגן

## תוכן:

חלק א. אנערקענען די בעסטע - חלק ב. שעצן די בעסטע - חלק ג. ווערן בעסער

# חלק א. אנערקענען די בעסטע

## דער ראש ישיבה און דער סעקרעטאר

פיל יארן צוריק ווען איך בין נאך געווען רוי - איך בין נאך אלץ רוי אבער דאן בין איך געווען נאכמער רוי - האב איך באקומען מוסר פון א חשוב׳ער פערזענליכקייט. איך האב גערעדט צו א געוויסער ראש ישיבה אין זיין אפיס און אינאיינעם מיט אים איז געזעסן דארט איינער פון זיינע סעקרעטארן, א מאן סעקרעטאר, און ביי א געוויסן פונקט פונעם שמועס האב איך זיך אנגערופן א באמערקונג צו דער סעקרעטאר אין דער זייט. האט מיר דער ראש ישיבה אויפגעמערקט, "מען רעדט נישט צום סעקרעטאר ווען דער ראש ישיבה איז דא. ווען דער ראש ישיבה איז דא, רעדט מען בלויז צו אים."

אין יענעם טאג האב איך געלערנט א וויכטיגע לערע. אין אנוועזנהייט פון א חשוב׳ער פערזענליכקייט רעדט מען נישט צו א צווייטן. ווייל דורך אנערקענען א צווייטן׳ס אנוועזנהייט טוט מען שוין דערמיט פארמינערן דעם כבוד פון דער חשוב׳ערער מענטש.

## דרך ארץ און דעמאקראטיע

לאמיר זאגן איר גייט אריין צו א דאקטער׳ס אפיס און דער דאקטער איז דארט, און עס געפינט זיך דארט אויך א רוימערין. ווען איר זאגן, "גוט מארגן, וואס מאכט איר ביידע היינט?" דאס איז שוואכע עטיקעט. מען פארבינדט נישט אינאיינעם דעם דאקטער מיט׳ן דינסט. זי איז א גארנישט אין פארגלייך צו אים.

למעשה, אזעלכע ווערטער הערן זיך גריצלנד צו אונזערע אמעריקאנער אויערן; עס זעט נישט אויס געגוג דעמאקראטיש אויב מ׳רעכנט נישט אריין די רוימערין און דעם דאקטער ביי די זעלבע באגריסונג. אבער דאס איז ווייל אמעריקע איז נישט דוקא א לאנד וואס איז אזוי באהאוונט אין דרך ארץ. און דערפאר, דער ערשטער תנאי צום היינטיגן שיעור איז, פארגעסט פון דעמאקראטיע. די תורה איז וויכטיגער ווי דעמאקראטיע און דרך ארץ איז איינע פון די יסודות פון די תורה. און

אויב איר צילט אייערע באמערקונגען צום גרויסן מענטשן אינאיינעם מיט דער וואס געפינט זיך מיט אים, דאס איז שוין ווי גלייך מ'טוט אים דערנידערן; דאס איז נישט קיין דרך ארץ.

## דרך ארץביים גריסן

איר ווייסט פון וואו מיר לערנען דאס? פון אברהם אבינו. איר געדענקט אז ווען די דריי מלאכים זענען פארבייגעגאנגען זיין געצעלט **וַיַּרְא, וַיָּרׇץ לִקְרָאתָם**, און ער איז געלאפן זיי צו באגריסן (בראשית יח:ב), אבער מיר זעען אז ער האט נאר געריידט צו דעם איינעם אין צענטער: **וַיֹּאמַר אֲדֹנָי אִם נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ אַל נָא תַעֲבֹר מֵעַל עַבְדֶּךָ** (בראשית יח:ב-ג); ווי אזוי ווייסט מען אז דער צו וועמען ער האט געריידט איז געווען אין צענטער? ווייל נאטורליך איז דער חשוב'סטער, דער הער, אין צענטער פון זיינע באגלייטער.

איך האב אייך דאס שוין אמאל ערקלערט. אויב איר שפאצירט אראפ די דרייצנטע עוועניו און איר זעט דריי מענטשן קומען אייך אנטקעגן. לאמיר זאגן אז אויף איין זייט דערקענט איר דעם סאטמארער רב און אויף דעם צווייטן זייט איז, לאמיר זאגן, דער ליובאוויטשער רבי. און גייענדיג פונקט אינצווישן זיי ביידן, אינדערמיט, איז דא אן אומבאקאנטער מענטש. דאן פארשטייט איר גלייך אז אויב ער איז אינדערמיט פון די צוויי גרויסע מענטשן, דאן מוז ער זיין איינער חשוב'ער ווי זיי. אויב איז ער צווישן זיי צוויי, מן הסתם איז ער משיח! און דערפאר איז ער דעם וועמען איר דארפט באגריסן. אויב נישט, דאן פעלט אייך דרך ארץ.

אלזא, אויב זענט איר געקומען אהער בלויז דאס צו הערן, זייער גוט. איר קענט יעצט זיין א בעל דרך ארץ. אצינד, אויב טרעפט איר אן אייער טאטן אין גאס מארגן אינדערפרי און איינער גייט מיט אים, איז דער מענטש וואס פארדינט דיין אויפמארקזאמקייט דיין טאטע. "גוט מארגן, טאטע." דאס איז ווי אזוי מ'דארף זיי באגריסן לויט דעם דרך התורה.

## איגנארירן מענטשן

אלזא, דער דאזיגער ענין איז ווערד צו דורכטון פאר זיך אבער איך וועל אביסל טוישן די נושא. מיר גייען זען אז דאס איז נישט בלויז ווען עס קומט צו באגריסן מענטשן. אפילו אויב דו דערציילסט בלויז איבער א מעשה, אן אינצידענט וואס האט פאסירט, איז דער דרך התורה זיך צו קאנצענטרירן אויף דעם בעסערן און דער וואס איז נישט אזוי וויכטיג ווערט פארשטעקט אינעם הינטערגרונט.

דאס איז פארוואס איר וועט זען אין די ערציילונגען פון די גמרא וואו עס ווערט דערמאנט אז איינער האט עפעס געטון אדער עפעס געזאגט און עס ווערט גארנישט דערציילט פון סיי ווער וואס איז דאן געווען צוזאמען מיט אים. איר לערנט, צום ביישפיל, א מעשה פון רבי שמעון און איר האט נישט קיין אנונג אויב נאך איינער איז בכלל געווען דארט. און דאן ענדליך, עטליכע שורות שפעטער, מאכט די גמרא א דרך אגב'דיגע באמערקונג, **אִינִישׁ אַחֲרִינָא הֲוָה בַּהֲדֵהּ** - עס איז געווען נאך א מענטש מיט אים. עס איז געווען דארט איינער די גאנצע צייט. **וְהָא דְּלָא חֲשִׁיב לֵיהּ** - און פארוואס איז ער נישט דערמאנט געווארן? **מִשּׁוּם כְּבוֹדוֹ דְרַבִּי שִׁמְעוֹן** - צוליב דעם כבוד פון רבי שמעון (גיטין ה:).

דאס איז א גרויסער יסוד וואס די חז"ל לערנען אונז. ס'איז ריכטיג, עס זענען דא אויך אנדערע

מענטשן און יעדער איז וויכטיג. אבער דער בעסערער איז צו גרויס אז איינער זאל דערמאנט ווערן אינאיינעם מיט אים. צו דערמאנען די וועלכע געפינען זיך מיט אים, איז גלייך ווי פארמינערן די חשיבות פון דעם בעסערן.

## די שטאט פון שלימות

איר געדענקט ווען אברהם אבינו איז געקומען קיין כנען? זיין עלטער עלטער זיידע מלכי צדק - דאס איז שם בן נח - האט נאך געלעבט, ער האט געוואוינט אין ארץ כנען. אברהם איז געווען אן אפשטאמיגער פון שם און זיין גרויסער זיידע האט געוואוינט דערנעבן.

אלזא, ווער איז געווען שם? שם איז געווען א גרויסער צדיק, איינער פון די חשוב'סטע מענטשן וואס איז אמאל געווען. **וּמַלְכִּי-צֶדֶק מֶלֶךְ שָׁלֵם... וְהוּא כֹהֵן, לְקֵל עֶלְיוֹן**; ער איז געווען א כהן וועלכער האט געדינט דעם באשעפער פון אויבן (בראשית יד:יח). א כהן מיינט אז ער איז געווען איבערגעגעבן, דאס איז געווען זיין עבודה.

אבער ער איז נישט נאר געווען א כהן. ער איז געווען א קעניג פון א ערליכע שטאט, א שטאט וואס איז געבויעט געווארן לשם שמים. נאכ'ן מבול, איז שם בן נח ארויסגעקומען פון די תיבה און געזאגט, "די פריערדיגע דורות האבן חרוב געמאכט די וועלט דורך זייערע טעותים אבער איך וועל דאס פאררעכטן. איך וועל אנהייבן א נייע געמיינדע און צוריקבויען די וועלט אויף דעם יסוד פון קונה זיין שלימות."

איז ער געקומען צו א געוויסן ארט אין ארץ כנען און אויפגעשטעלט א שטאט וואס ער האט גערופן '**שלם**', אויפ'ן פלאץ וואו עס איז היינט ירושלים. דאס ווארט 'ירושלים' באשטייט פון 'ירו-שלם'. **ירו** - די ווינקלשטיין שטאט, **שלם** - פון שלימות. די שטאט איז אויפגעשטעלט געווארן מיט'ן ציל פון שלימות. ס'איז א מערקווירדיגע זאך. אברהם אבינו'ס עלטער עלטער זיידע, מלכי צדיק, איז געווען קעניג פון אן אויסנאמליכע שטאט וואו דער שלאג-ווארט איז געווען 'צדק', ערליכקייט!

## דער קעניג אינעם הינטערגרונט

איז יעצט ווייסט איר וואס עס האט זיך געטון ווען אברהם איז געקומען קיין ארץ כנען; זיין זיידע, אן אויסערגעווענליכער חשוב'ער מענטש, האט געוואוינט דערנעבן און האט געפירט אן אויסערגעווענליכע שטאט. און דאך זעען מיר גארנישט דערמאנט איבער אים! דאס פארוואונדערט אונז! אברהם'ס גרויסער זיידע ווערט נישט דאס מינדעסטע דערמאנט. איינמאל אברהם האט זיך באוויזן אויף די ארענע, איז ער געווארן דער אויסשליסליכער אינטערעסע פון באשעפער אויף די וועלט. סיי פאר'ן באשעפער, ווי אויך פאר אלע מענטשן - אפילו איינער אזוי גרויס ווי מלכי צדק - איז געווארן ווי די הינטערגרונט הינטער אברהם.

איר ווייסט ווען מ'זעט דערמאנען מלכי צדק? ווען ער טרעט אריין אין די סצענע פאר א מאמענט צו רעדן צום הויפט שפילער. אויב זענט איר אמאל געווען אין טעאטער - איך האף איר זענט קיינמאל נישט געווען אין טעאטער - אבער דארט האבן זיי א פראדזשעקטער. די פאדיום איז פיל מיט מענטשן, אלע סארטן שפילערס, אבער עס איז דא א פראדזשעקטער וואס שיינט אויף די הויפט שפילער וואס רעדט א גאנצן צייט. אלע אנדערע שפילערס זעט מען ווי אין א

האלבער שאטן. מ'קען זיי קוים אנזען, סיידן זיי רעדן מיט'ן הויפט שפילער.

ווען הערן מיר פון מלכי צדק? ווען ער רעדט מיט'ן הויפט שפילער. ווען אברהם אבינו האט זיך אומגעקערט פון די מלחמה קעגן דעם קעניג, **וּמַלְכִּי צֶדֶק מֶלֶךְ שָׁלֵם הוֹצִיא לֶחֶם וָיָיִן** - ער איז געקומען באגריסן אברהם און דאן, פאר א קליינע ווילע, האט דער פראדזשעקטער געשיינט אויך אויף אים. ער פארדינט צו ווערן דערמאנט ווייל ער איז ארויסגעקומען באגריסן אברהם. אבער וויבאלד דער עפיזאד האט זיך געענדיגט האט ער צוריקגעטרעטן פון אונטער'ן שיין און עס ווערט מער גארנישט דערמאנט איבער אים אדער זיינע אפשטאמיגע.

## דער אויפזעער אויף אלעם

און מיר לערנען פון דעם איבער די הנהגה ווי אזוי דער באשעפער קוקט אויף די וועלט. ער קוקט בעיקר אויף די בעסערע מענטשן! דער וואס איז דער בעסטער אין זיין סביבה, דער בעסטער אין זיין שטאט, דער בעסטער אין זיין ישיבה, דער בעסטער אין זיין שול, דער בעסטער אויף זיין גאס; ער שטייט ארויס ווייט איבער די אנדערע ארומיגע און דער באשעפער קוקט בעיקר אויף אים. אין פארגלייך צו אים ווערן די אנדערע פארשטעקט אינעם הינטערגרונט.

אודאי, דער באשעפער קוקט אויף יעדן איד. נישט נאר יעדן איד; דער באשעפער קוקט אויף יעדע ווערקע. ער ווייסט וואס יעדער איינציגסטער ראץ, יעדע מויז, יעדער באציל מאכט. קיינער, קיין שום זאך בכלל, ווערט פארזען ביים באשעפער. דאס איז א וויכטיגער תורה יסוד, אז **אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְקַפֵּחַ שְׂכַר כָּל בְּרִיָּה** - דער באשעפער פארהאלט נישט פון קיינעם דעם שכר וואס קומט אים (בבא קמא לח:). יעדער וועט באקומען דעם שכר וואס קומט אים, אויסדריקליך.

אפילו א רשע, א באנדיט, וואס הרג'ט צען מענטשן א טאג ר"ל, וועט נישט דערלייגן זיין שכר וואס קומט אים. לאמיר זאגן אז דאס איז זיין ביזנעס; ער באקומט א געהאלט אויף יעדן קערפער וואס ער ברענגט - צען מענטשן א טאג. אבער ס'איז קעגן זיין פרינציפ צו הרג'נען עלף! אפילו אויב ער ווערט פארגעשלאגן א גרויסע צוגאבע, פאר אן עלפטער קרבן, וועט ער דאס נישט טון. נאך אלעם האט ער זיינע פרינציפן; ער איז נישט סתם א מערדער. דער באשעפער וועט נישט פארמיידן פון אים זיין שכר פאר זעלבסט קאנטראל.

## ווי אזוי צו באטראכטן די וועלט

איז אלזא נישטא קיין ספק אז יעדע זאך וואס איר טוט רעכנט זיך געוואלדיג. אויב טוט איר גוטע זאכן, בעסערע זאכן ווי נישט ערמארדן מענטשן, איז כל שכן אז איר וועט באקומען נאכמער שכר. קיין זאך וועט נישט פארגעסן ווערן ווייל דער באשעפער איז אינטערעסירט אין אלעם, אין יעדן קליינעם פרט.

און דאך, לערנען מיר אצינד א פאנדומענטאלער יסוד - דאס איז א גרויסער חידוש - אז עס איז נישטא קיין פארגלייך פון איינער וואס איז בעסער צו די אנדערע ארומיגע וואס זענען אויף א קלענערן שטאפל. דער באשעפער וועלט אויס דעם בעסטן! דאס איז א געוואלדיגער יסוד. דעם באשעפער'ס אינטערעסע אין דעם בעסטן איז זיין אמת'ע אינטערעסע אין די וועלט. דאס איז וואס מיר זאגן דא, אז דער באשעפער קוקט בעיקר אויף די בעסערע מענטשן. און מיר דארפן לערנען דערפון - אז דאס איז ווי אזוי מיר דארפן אויך קוקן אויף די וועלט.

# חלק ב. שעצן די בעסטע

## א שטוינענדע ערשיינונג

אלזא, מיינט נישט אז איינמאל איר האט דאס געהערט אצינד קענט איר שוין ענדיגן מיט דעם שיעור. איר האט דאס געהערט, איז אלזא יעצט ווייסט איר, 'בלויז גרויסע מענטשן זענען וויכטיג; זיי זענען די אויף וועמען מיר קאנצענטרירן זיך.' ניין, איר ווייסט נאך גארנישט. ווייל ס'איז נישט אזוי לייכט צו שעצן גרויסקייט. מיינט נישט אז איר וואלט געוואוסט צו שעצן די גרויסקייט פון אברהם אבינו. אויסדריקליך נישט!

איר געדענקט ווען אברהם האט געווארט פאר וואנדערער פארבייציגיין? **וְהוּא יֹשֵׁב פֶּתַח הָאֹהֶל כְּחֹם הַיּוֹם** - אברהם איז געזעסן ביי דעם אריינגאנג פון געצעלט אין די היץ פונעם טאג (וירא יח:א). ס'איז געווען אן אויסערגעווענליכער הייסער טאג און דער ניין און ניינציג יעריגער אלטער מענטש, ערהוילנדיג זיך פון א ברית מילה, זיצט נעבן די טיר פון זיין געצעלט אוןווארט; ער באנדאזשירט זיין וואונד און ער קוקט ארויס פאר וואנדערער.

און ווען ער זעט דריי פשוט'ע אראבער - אזוי האבן זיי אויסגעזען צו אים - איז ער ארויסגעלאפן אין די היץ און געפאלן צו די ערד און זיך געבעטן ביי זיי: **אַל נָא תַעֲבֹר** - מיינע הערן, ביטע, גייט נישט אוועק פון אייער קנעכט (שם. יח:ב). זיי שטעלן זיך קעגן אבער אברהם בעט זיך ביי זיי.

א זייטיגער צוקוקער וואלט דאס זיכער אנגעקוקט מאדנע. אויב איינער איז אין באדערפעניש, גוט - וועט איר אים פארשלאגן עפעס. אבער אויב ער וויל נישט אננעמען דיין גאסטפריינטליכקייט, צי דארפט איר זיךווארפן צו די ערד? איר דארפט זיך אנידער ווארפן און זיך בעטן ביי אים צו קומען?

## עס זעהט אויס עקסטרעים

שטעלט זיך פאר, אויב מיר וואלטן צוגעזען אזא עפיזאד, וואלטן מיר געטראכט אז ס'איז אביסל איבערגעטריבן. לאמיר זאגן איר האט דאס היינט געזען אין בארא פארק. שטעלט זיך פאר איר האט געזען א משולח פון ארץ ישראל אראפגיין די דרייצנטע עוועניו, און א פיינער באלעבאס, א צדיק, איילט זיך ארויס אין גאס און זאגט אים, "ביטע גייט נישט אוועק פון מיר. **אַל נָא תַעֲבֹר מֵעַל עַבְדֶּךָ!** ביטע קומט צו מיין הויז."

און ווען דער משולח ענטפערט, "ניין, א דאנק; ס'איז גוט. איך פיל נישט ווי איך וויל יעצט אריינגיין אינעווייניג צו עסן." דאן פאלט דער באלעבאס אראפ אויפ'ן גאס, ער פאלט אראפ אויף זיין פנים זיך צו בעטן, "ביטע מיין האר, גייט נישט פארביי. ביטע גייט נישט אוועק פון אייער קנעכט." ער ליגט אויפ'ן גאס בעטנדיג זיך ביי דעם פרעמדן צו אריינקומען אין זיין הויז צו עסן עפעס.

לאמיר זאגן די מענטשן אין בארא פארק וואלטן דאס געזען. זיי וואלטן געטראכט אז ער איז משוגע. דאס איז דער אמת - דאס איז וואס מיר וואלטן געטראכט; אויסדריקליך. מיר וואלטן עס אפשר געשעצט, מעגליך אז מיר וואלטן עס אויך אויסגעלויבט, אבער מיר וואלטן געטראכט אז דאס איז זייער עקסטרעם.

גרויסע לייט זענען צומאל אזוי גרויס, אז אנדערע קענען זיי נישט געגוג אפשאצן. **מְשֻׁגָּע אִישׁ הָרוּחַ** - דער מענטש מיט א גייסט, דער מענטש וואס איז געגצליך געטריי צום באשעפער, ער איז משוגע (הושע ט:ז). דאס מיינט אז ער זעט אויס צו זיין ווי א משוגע'נער אין די אויגן פון אנדערע. דער נביא האט דאס געזאגט. דאס מיינט אז עס איז שוין אן אלטע מעשה אז די עבודת ה' פון גרויסע לייט ווערן באטראכט ווי עקסטרעם דורך פשוט'ערע מענטשן.

איך געדענק, בערך דרייסיג יאר צוריק (דער רב האט דאס געזאגט אין יאר תשל"א) איז א מענטש וואס האט געהאט א בארד באטראכט געווארן ווי א משוגע'נער. אויב איז איינער דורכגעגאנגען די גאסן פון א אידישע געגנט מיט א בארד, האט מען אים גערופן א משוגע'נער. איך געדענק דאס! עס האט פאסירט מיט מיר מער ווי איין מאל. איך בין אמאל ארויפגעגאנגען די טרעפ ביי די באן סטאנציע און א פרוי, א אידישע פרוי, האט געקוקט אויף מיר און געשפיגן גראד אין מיין פנים אריין. "משוגע'נער!" האט זי געזאגט.

למעשה, איך זאג נישט אז ווער עס האט א בארד איז שוין א צדיק - היינט קענען אפילו אמת'ע משוגעים האבן בערד - אבער איך געב אייך בלויז א ביישפיל. סיי ווער עס ווייזט ארויס עפעס מער השגות, ווערט באטראכט ווי א וואנזיניגער דורך מענטשן וואס האבן נישט דעם גאנג. זייער אפט קענען נישט מענטשן שעצן די וועלכע זענען בעסער ווי זיי. איך זאג "זייער אפט" - דאס איז שטענדיג דער פאל!

## דאס פאסירט אפילו ביי גרויסע

חז"ל דערציילן אונז אין מדרש (ויקרא רבה ל) א מעשה פון רבי יוחנן אז ער איז געגאנגען אין וועג מיט זיין תלמיד ר' חייא בר אבא. זיי זענען פארבייגעגאנגען א פעלד און ר' חייא האט געוויזן פאר זיין רבי, "קוק אויף דאס הערליכע פעלד מיט אזויפיל תבואה וואס וואקסט דארט."

האט רבי יוחנן געזאגט, "דאס איז געווען מיין פעלד."

"דיין פעלד? וואס האט פאסירט?"

"איך האב עס פארקויפט צו לערנען תורה, אז איך זאל קענען זיצן און לערנען."

ר' חייא איז געווען ערשטוינט. 'אזא גרויסע רייכטום אוועקצוגעבן?!' ער האט גארנישט געזאגט, ער האט געהאט דרך ארץ, האט ער געהאלטן זיין מויל פארמאכט.

דערנאך זענען זיי פארבייגעגאנגען א פעלד מיט פירותביימער; טייטלעןביימער און פייגן און איילבירטן. האט ר' חייא געזאגט, "וואספארא וואונדערבארע גארטן דאס איז - א הערליכע פירות פעלד!"

און רבי יוחנן האט געזאגט, "עס איז אמאל געווען מיינס."

"דאס איז געווען דיינס?! וואס האט פאסירט?"

"איך האב עס פארקויפט צו לערנען תורה."

דערנאך זענען זיי פארבייגעגאנגען נאך אן ארט. זיי האבן געזען הערליכע זאכן, טייערע זאכן און ווידעראמאל די זעלבע מעשה. און דאס מאל ווען רבי יוחנן האט געזאגט, "איך האב עס פארקויפט צו לערנען תורה," האט זיך ר' חייא מער נישט געקענט איינהאלטן. ווען ער האט דאס געהערט האט ער אויסגעבראכן אין א געוויין. ער האט געפרעגט, "וואס האסטו איבערגעלאזט

פאר זיך?" זיין רבי האט פארקויפט זיין גאנצע אייגנטום כדי צו לערנען תורה! ער האט געשטאמט פון א רייכע משפחה און אצינד איז גארנישט פארבליבן!

ביי די מעשה ווערט געברענגט דער פסוק, **אִם יִתֵּן אִישׁ אֶת כָּל הוֹן בֵּיתוֹ בָּאַהֲבָה** - אויב א מענטש וועט אוועקגעבן זיין גאנצע רייכטום פון זיין הויז פאר א ליבשאפט, **בּוֹז יָבוּזוּ לוֹ** - וועלן זיי אים פארשעמען (שיר השירים ח:ז). מענטשן פארשעמען א מענטש וואס איז א גרויסער בעל השגה! מען פארשטייט אים נישט! רבי יוחנן איז נישט ממש פארשעמט געווארן אבער זיין תלמיד ר' חייא בר אבא האט נישט משיג געווען זיין אייגענעם רבי! למעשה רבי חייא בר אבא איז אליין אויך געווען א גרויסער בעל השגה פאר זיך, אבער ווען דער גרויסער בעל השגה טרעפט זיך מיט איינער וואס שטייט העכער ווי אים, קען ער אים נישט פארשטיין.

ס'איז שווער צו פארשטיין איינעם וואס שטייט העכער ווי דו, ווייל אייגנטליך דערגרייכט ער מיט זיין קאפ אין די וואלקענעס ווייט איבער דיר. ער דערהייבט זיך העכער די ערד, העכער די גאנצע וועלט. למעשה ביי אונז, איז אינגאנצן העכער אונזערע השגות. מיר זענען פעאיג צו אנערקענען אז א צדיק איז א פיינער מענטש, א גוטער מענטש, זייער א גוטער מענטש, אפילו אויסערגעווענליך גוט; אבער פאקטיש הייבן מיר נישט אן צו פארשטיין דעם חילוק צווישן אן ערליכער און דער וואס איז ווייניגער ערליך. און מיר וועלן אצינד זען אז מיר פארשטייען אפילו נאך ווייניגער ווי מיר האבן זיך פארגעשטעלט אין אונזער ווילדסטער חלום.

## דער זעלבער אויסזען

דער נביא זאגט אונז פאראויס אז עס וועט קומען א צייט ווען, **וְשַׁבְתֶּם וּרְאִיתֶם בֵּין צַדִּיק לְרָשָׁע** - איר וועט זיך אומקערן און איר וועט זען דעם חילוק צווישן א צדיק און א רשע (מלאכי ג:יח). דאס מיינט, אז איין טאג וועט זיין א גרויסער טאג פון משפט. עס וועט זיין אן ענדגילטיגער טאג פון משפט אויף אלע מענטשן וואס האבן אמאל געלעבט. אין יענע צייט וועלן געמאכט ווערן אלע חשבונות און יעדער וואס האט דורכגעלעבט די וועלט וועט דערקענט ווערן אויף וואס ער איז געווען; אין יענעם טאג וועט יעדער "צוריקקומען און איר וועט זען דעם חילוק צווישן א צדיק און א רשע."

איר ווייסט, אויף די וועלט מיינט איר אז איר זעט דעם אונטערשייד אבער דער אמת איז אז איר שאצט נישט דעם ריזיגן חילוק צווישן זיי. ס'איז דא אן ענדלאזער, אין סוף'דיגער חילוק צווישן א צדיק און א רשע! מיר זעען צדיקים און מיר זעען רשעים און עס זעט אויס אונז אז מיר פארשטייען דעם חילוק. אבער דער נביא זאגט, "איר נארט זיך. איר פארשטייט גארנישט."

איר קוקט אויפ'ן צדיק; ער האט אן א רעקל, ער האט אן הויזן, ער האט א שניפסל. איר קוקט אויפ'ן רשע, אויך ער טראגט אויף זיך הויזן. רשעים טראגן אויך שניפסלעך. איר קוקט אויפ'ן צדיק; עס וואקסט אים האר, ער האט צוויי אויגן און א נאז. איר קוקט אויפ'ן רשע, די זעלבע זאך. אודאי זעט איר דעם חילוק, אבער דער דאזיגער חילוק ליגט באגראבן אונטער א בארג פון ענליכקייטן.

אבער איין טאג וועלן מיר ווידעראמאל זיצן ביים טיש, און אונזערע אויגן וועלן געעפנט ווערן און מיר וועלן איינזען אז מיר האבן קיינמאל גארנישט געזען בכלל. א צייט וועט קומען ווען די זינד און טונקלקייט פון די וועלט וועלן פארטריבן ווערן און מיר וועלן זען דעם אמת. **וְשַׁבְתֶּם** -

מיר וועלן זיך אלע אומקערן, **וּרְאִיתֶם בֵּין צַדִּיק לְרָשָׁע** - און מיר וועלן זען דעם אמת'ן חילוק צווישן א צדיק און א רשע.

## צוויי סארט צדיקים

און אייגנטליך, וועלן מיר זען פיל מער ווי דער חילוק צווישן דעם צדיק און דעם רשע. ווייל דער פסוק אין מלאכי לייגט צו דאס פאלגנדע: **בֵּין עֹבֵד אֱלֹקִים לַאֲשֶׁר לֹא עֲבָדוֹ** - אין יענעם טאג וועט איר אויך זען דעם חילוק צווישן דער וואס האט געדינט דעם באשעפער און דער וואס האט נישט געדינט דעם באשעפער.

פרעגט די גמרא (חגיגא ט:) א שאלה, "דער נביא חזר'ט איבער זיינע רייד. דער צדיק איז דאך דער וואס האט געדינט דעם באשעפער! און דער רשע, ער איז דער וואס האט נישט געדינט דעם באשעפער. איז פארוואס זאגט דער נביא, "איר וועט זען א חילוק צווישן א צדיק און א רשע" און אויך "צווישן דער וואס האט געדינט דעם באשעפער און דער וואס האט נישט געדינט דעם באשעפער"? דאס איז א דאפלטער לשון.

ענטפערט די גמרא, אז ביים צווייטן טייל רעדט אייגנטליך דער נביא נאר פון די ערליכע; ער האט שוין געענדיגט מיט'ן רשע און יעצט רעדט ער פון צוויי צדיקים גמורים, צוויי שלימות'דיגע ערליכע מענטשן. אבער עס זענען דא צוויי סארטן פון ערליכע מענטשן! איינער ווערט אנגערופן 'א מענטש וואס האט געדינט דעם באשעפער' און דער אנדערער האט אים נישט געדינט. אודאי האבן ביידע געדינט דעם באשעפער, אבער עס איז פארהאן א גרויסער אונטערשייד - א גענוג גרויסער חילוק, אז איינער קען אנגערופן ווערן אן עובד און דער צווייטער נישט.

## א העלד פון א הונדערט מאל

פון וואספארא חילוק רעדן מיר? דאס איז די שאלה וואס די גמרא פרעגט. וואס מאכט איינעם פאר אן עובד ה' און דעם צווייטן נישט? נאך אלעם מוז עס זיין עפעס ריזיג, עפעס וואס דערהייבט איין צדיק ווייט איבער דעם צווייטן צדיק.

איר זענט גרייט פאר אן איבערראשנדער תירוץ? הערט צו דעם חידוש. אונזערע חכמים ענטפערן, **אֵינוֹ דּוֹמֶה שׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים לְמֵאָה וְאַחַת** - ס'איז נישט קיין פארגלייך אויב איינער לערנט זיין פרק הונדערט מאל צו איינער וואס לערנט הונדערט און איין מאל.

אט איז א מענטש וואס האט געלערנט זיין תורה שיעור הונדערט מאל. אמאליגע צייטן האט מען איבערגע'חזר'ט פיל מאל ווייל זיי האבן נישט געהאט קיין געדרוקטע ספרים. זיי האבן נישט געשריבן און אלעס איז איינגע'חזר'ט געווארן אין זכרון און דערפאר, איינער וואס האט מורא געהאט אז ער וועט פארגעסן, איז ער געזעסן און עס איבערגע'חזר'ט הונדערט מאל ביז ער האט עס געהאט כמאן דמנח בקופסא, ווי גלייך עס איז געווען ביי אים אין טאש.

אלזא, איר דארפט וויסן אז עס איז נישט געווען גרינג צו איבער'חזר'ן דעם שיעור הונדערט מאל. עס איז זייער לאנגווייליג צו זאגן הונדערט מאל. אבער ער וויל קענען די תורה, דערפאר חזר'ט ער עס איבער הונדערט מאל! דאס איז העלדישקייט! ער איז א שקדן און א מבקש אמת. ער קען עס שוין ביי דאס דריטע מאל. אבער ער גייט ווייטער; א פערטע מאל, א פינפטע מאל, א צענטע מאל. א פופציגסטע מאל. ער פאלט שוין צוזאם פון אויסגעמוטשעטקייט. און ענדליך,

דער העלה, נאך די הונדערטסטע מאל אטעמט ער ענדליך אפּ און ער שטעלט זיך אויף אהיימצוגיין צו א גוט פארדינטער אפרו. דאס איז שוין איינמאל אן עובד ה'!

## נישט קיין פארגלייך

אבער נעבן אים זיצט זיין חבר, און ער חזר'ט עס איבער נאך איין מאל. ער איז פארבליבן אן איבעריגע האלבע שעה און געצויגן ווייטער פאר א הונדערט און איין מאל.

אלזא, צו אונז איז עס זייער א קליינער חילוק; אפשר איין גראד פון א הונדערט - ס'איז בלויז איין מאל מער! קומען אבער אונזערע חכמים און זיי זאגן אונז אז **אֵינוֹ דּוֹמֶה שׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים לְמֵאָה וְאַחַת!** אז די איין מער מאל איז אינו דומה! איר דארפט דערהערן די ווערטער. "ס'איז נישט קיין פארגלייך!" דער וואס האט גע'חזר'ט א הונדערט און איין מאל ווערט גערופן אן עובד אלקים, וואס אין פארגלייך צו אים ווערט דער צווייטער, דער וואס האט גע'חזר'ט הונדערט מאל, ער ווערט גערופן אשר לא עבדו - ער האט נישט געדינט דעם באשעפער. אינו דומה מיינט, ס'איז נישט קיין פארגלייך. ס'איז נישט קיין פארגלייך צווישן א הונדערט און א הונדערט און איין מאל!

ווען א מענטש מאכט פארשריט אין עבודת ה', דאס שטעלט אים לאנגע שטרעקעס פאראויס. נישט אז א הונדערט און איינס איז איינס מער ווי הונדערט. ס'איז א גענצליך אנדערע קאטעגאריע און ס'איז נישט קיין פארגלייך. ער איז אזוי גרויס, אז אלע אנדערע ווערן קעגן אים פארנעפלט אינעם הינטערגרונט. זיי וועלן באקומען שכר אבער אין פארגלייך צו אים זענען זיי אומאנזעבאר.

## א קלייניקייט איז ריזיג

אט דאס איז ווי געוואלדיג גרויס עס איז דער הימלישער אפשאץ אויף רוחניות. ווען עס קומט צו גשמיות קען עס ביי אונז אויסזען ווי בלויז א קליינער חילוק. איר וועט מעגליך אפילו נישט דערקענען דעם חילוק. אבער ווען עס קומט צו רוחניות איז דער חילוק ריזיג. דאס, לערנט אונז די תורה, איז די גרויסקייט פון דער וואס טרעט פאראויס און טוט אביסל מער. דער אונטערשייד איז אזוי גרויס, אז ס'איז ווי דער חילוק צווישן א צדיק און א רשע. אודאי, דער רשע איז אויפ'ן צווייטן זייט, ווייט, ווייט אוועק. אבער דער עובד אלקים און דער אשר לא עבדו, דאגעגן, זענען אויך זייער ווייט אוועק איינער פון צווייטן! גאר ווייט אוועק!

"אבער יעדע פון אונז זענען געוועזן צדיקים גמורים," וועט איר זאגן. ניין, דאס איז נישט גענוג. ער איז גרעסער ווי דיר און די קליין ביסל מאכט אויס דער גאנצער חילוק אין די וועלט. ווייל פאר יעדע קליין ביסל ביסטו קונה מער חן ביים באשעפער, און ווען עס קומט צו קונה זיין חן ביים באשעפער מאכט אויס אפילו דער קלענסטער חילוק מער ווי איר קענט זיך פארשטעלן אויף די וועלט.

# חלק ג. ווערן בעסער

## א ריזיגער חילוק

אלזא, דאס איז זייער א וויכטיגע נושא ווייל עס שטעלט אריין יעדע זאך וואס מיר טוען אויף

די וועלט אינעם ריכטיגן בליק - קיין שום זאך איז מער נישט קליין! לאמיר זאגן, איר אלע צדיקים דא ווייסן איבער דער ענין פון לשון הרע. דער חפץ חיים האט באוואוסט געמאכט די הלכות פון לשון הרע. יעדער ווייסט אז ער דארף אפהיטן זיין צונג פון שלעכטס; ס'איז נישט גרינג אבער יעדער פראבירט. אבער איר דארפט וויסן אז דער וואס פראבירט בלויז א קליין ביסל מער, דער מענטש האט זיך דערהויבן א געוואלד. דער וואס היט אפ זיין צונג אביסל מער, שיסט ארויף און דערהייבט זיך אין די ספערן ווייט העכער יעדן איינעם.

דער וואס דאווענט מיט בלויז אביסל מער כוונה, אביסעלע לענגער שמונה עשרה, די ביסל דערהייבט אזוי ווייט ווי איין שטערן פונעם אנדערן. דיין חבר איז אויך א שטערן, ער איז אויך אן עובד אלקים, אבער אין פארגלייך צו דיר איז ער לא עבדו.

דאס איז וואס עס מיינט צו זיין אן עבד ה'; דו גייסט דעם איבעריגן טריט ארויסצושטיין אין די אויגן פון באשעפער. נישט נאר ווען עס קומט צו דאווענען און לשון הרע. ס'איז דא אזויפיל מער. די גוטע געדאנקען וואס איר הערט ביי דעם דאזיגן פלאץ - אויך אין אנדערע פלעצער - אויב וועט איר עס אננעמען ערנסט און אינוועסטירן אביסל ארבעט עס אויסצופירן, טראכט נישט אז ס'איז בלויז א קליינע זאך. ס'איז ריזיג! די קליין ביסל מער מאכט דיר ארויסשטיין נישט א קליין ביסל. און אויב דו ביסט היינט א קליין ביסל בעסער ווי דו ביסט געווען נעכטן, דאן ביסטו פיל פיל בעסער.

## גלוסטן פאר כבוד

סיי וואס דו טוסט אביסל מער גייט דיר מאכן געפינען פיל פיל מער חן אין די אויגן פון באשעפער. און ווען דער באשעפער קוקט אויף דיר גוט, איז דאס די גרעסטע באערונג וואס דו קענסט אמאל באקומען.

אצינד, זאגט נישט אז עס גייט דיר נישט אן קיין כבוד. אויב א מענטש זאגט, "עס גייט מיר נישט אן קיין כבוד," איז ער א נאר. ער איז אויך א ליגנער. ס'איז נישט אמת. דו ווילסט האבן כבוד. דו ווילסט עס גאר שטארק! דו גייסט אויס דערנאך!

עס זענען פארהאן מענטשן וואס געבן אפילו אוועק זייער לעבן כדי צו באקומען כבוד. ביי א מלחמה, וועלן געוויסע סאלדאטן לויפן פאראויס און ריזיקירן זייערע לעבנס; זיי זענען גרייט צו ווערן גע'הרג'ט מיט די האפענונג אז אפשר ערגעץ אין די בראנקס געגנט וועט אויפגעשטעלט ווערן א סטאטוע אלס א געדענק צייכן פאר זיין העלדישקייט. וואס פאסירט? ס'איז יעצט דא א סטאטוע פון א סאלדאט אינמיטן פון א פארק אין דרום בראנקס. פייגלעך זיצן דארט אויף זיין קאפ און לאזן נאך זייער שמוץ. ביינאכט קומען די היימלאזע גוים דארט און זיי באשמוצן זיין סטאטוע.

ווי אזוי קען דאס זיין אז מענטשן, גוטע מענטשן, געבן אויף זייערע לעבנס פאר דעם?! דער ענטפער איז אז צווישן די באהאלטענע קעמערלעך אין מח ליגט א טיפע גלוסטעניש פאר כבוד. אויב שטודירט איר אדורך דעם מענטשליכן נאטור, וועט איר זען אז די שטרעבונג פאר עהרע, פאר אנערקענונג, איז אייגנטליך דער גרעסטער שטופ צו אלעם וואס זיי טוען. יעדער וויל האבן כבוד! דאס איז א פייער וואס ברענט אינעם מענטשליכן זעל.

## געטריבן דורך דיין גלוסטעניש

און דער באשעפער איז געווען דער וואס האט אנגעצונדן דעם פייער. דער באשעפער האט געזאגט, "איר זאלט ליב האבן כבוד. איז זאלט וועלן האבן כבוד; אויסדריקליך! נאר איר זאלט וועלן האבן דעם ריכטיגן כבוד; א ליימענער גולם איז גארנישט! איר זאלט וועלן האבן כבוד פון מיר!"

און אויף דעם דארפט איר וועלן זיך אויסצייכענען. ער לייגט אריין די שטרעבונג אין מח פונעם מענטש כדי ער זאל זיך וועלן אויסצייכענען, שטייגן הויעך, זיין א טריט פאראויס פון די אנדערע ארום זיי. איר דארפט האבן דאס געפיל אז איר ווילט מאכן פארשריט. 'איך קען נישט זיין ווי די מענטשן ארום מיר וואס זענען פארגלייזט. איך קען נישט פארלירן מיין לעבן אינעם שטראם. איך וויל נישט בלויז מיטגיין מיט דעם יאך פון געוואוינהייט אויף מיינע פלייצעס און זיין צופרידן מיט א לעבן פון א סתם א גוטער פערזענליכקייט, אן ערליכער איד."

## דער פארדינטער פלאץ

למעשה, איך גיי אייך נישט קריטיקירן פאר'ן מיטגיין מיט'ן שטראם. ביי געוויסע מענטשן איז דאס די גאנצע וואס זיי קענען באווייזן; ס'איז נישט קיין שלעכטע זאך. חס ושלום. איר לעבט צווישן א פרומער קרייז, איר גייט נאך זייערע מנהגים, זייערע סטאנדארטן. איר טוט וואס יעדער איינער טוט? בכלל נישט שלעכט. איר זענט א שומר מצוות און איר זענט מגדל אייערע קינדער צו תורה. איך בין צופרידן מיט אייך; איך וועל אייך נישט צופיל נאכפארשן. איך בין צופרידן.

און נאך הונדערט און צוואנציג יאר וועט איר אויך באקומען עולם הבא. דער באשעפער זאגט, **כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא.** איר פירט זיך ווי א פרומער איד, וועט איר אריינגעלאזט ווערן ווען די צייט וועט קומען. קען זיין איר וועט זיך פריער דארפן ערגעץ צייטווייליג אפשטעלן, אבער פריער אדער שפעטער וועט איר זיין אין עולם הבא, נישטא קיין ספק אין דעם.

אבער איר דארפט וויסן אז ווען איר קומט אן דארט, קען מען האבן א געוואלדיגע אנטוישונג, ווייל עס וועט זיך ווענדן אין דעם פלאץ וואו מ'וועט זיצן. בלויז אריינצוגיין און זיצן נעבן טיר וועט אייך אפשר נישט באפרידיגן. אלזא, פארשטייט מיר נישט פאלש - איר זענט א גליקליכער מענטש אויב איר גייט אריין אהין. מאכט נישט קיין טעות אין דעם. אויב קענט איר אריינגיין אין עולם הבא, אפילו ביים לעצטן זיץ, איז עס א שמחה וואס איר זענט נישט מסוגל צו פארשטיין מיט די מושגים פון הנאה אויף די וועלט. ס'איז נישט פארהאן עפעס אזוי ווי דאס.

## קוקן מיט קנאה

און דאן, **מְלַמֵּד שֶׁכָּל אֶחָד נִכְוֶה מֵחֻפָּתוֹ שֶׁל חֲבֵרוֹ** - אין גן עדן וועסטו ברענען מיט חרטה ווען דו וועסט זען די חופה פון דיין חבר (בבא בתרא עה.). איר האט אלעס געהיטן, מער וויניגער, און ווי יעדער ערליכער איד האסטו א חופה לפי כבודו, פונקט וויפיל עס קומט דיר. אבער דאן קוקסטו אריבער צו די חופה פון אנדערע מענטשן, און דו זעסט אז זיי האבן שענערע חופות ווי דיר. זיי האבן א זיץ מער אין פארנט; און עס וועט דיר אויף אייביג לייד טון.

די ביסל מער וואס ער איז געבליבן אין בית המדרש נאך וואס יעדער איז ארויס. די ביסל מער כוונה ביים דאווענען. ער האט געטראכט פון נפלאות הבורא, די חסדי ה', בלויז איין מאל מער

יעדן טאג. די קליינע זאכן ווערן באטראכט ווי די גרעסטע זאכן אויף יענע וועלט. **וְשַׁבְתֶּם וּרְאִיתֶם;** איר וועט זיין פרייליך דארט, אבער איר וועט זען אז ס'איז דא א גרויסער חילוק צווישן דיין אייביגע פרייד און יענעם'ס.

## עס וועט לייד טון

אלזא, מיינט נישט אז ס'איז א סתירה. צום ביישפיל, אז מ'וועט געבן פאר יעדן דא הונדערט מיליאן דאללער וועט יעדער זיכער זיין פרייליך. איך בין זיכער אז מערסטנס פון אייך וועלן זיין פרייליך. הונדערט מיליאן דאללער! פארוואס נישט? אבער דאן וועט איר אנטדעקן אז איינער האט צוויי הונדערט מיליאן דאללער. אאאאה. דאס מאכט שוין אביסל טרויעריג.

למעשה אויף די וועלט איז נאך דא האפענונג. איר קענט האפן אז ער וועט אפשר איין טאג באנקראטירן. ס'איז נאך דא האפענונג. אבער אויף יענע וועלט איז עס אויף אייביג. און די גמרא זאגט נכבה - יעדער מענטש ווערט אפגעבריט ווי גלייך א פייער פאקל רירט אן זיין האנט. עס טוט וויי. למעשה, צו באקומען הונדערט מיליאן דאלער און איינער בריט אפ דיין האנט, ביסטו מוחל. הונדערט מיליאן דאללער איז עפעס ווערד. אבער ס'טוט נאך אלץ וויי; עס טוט שטארק וויי.

און אזוי, אויף יענע וועלט וועלן מענטשן אנטדעקן וואספארא טראגעדיע עס איז געווען אז זיי האבן נישט אויסגענוצט דעם כבוד גלוסטעניש צו ווערן בעסער. 'אויב איך וואלט נאר צוגעהערט צו דאס אינערליכע קול אין מיר וואס האט געזאגט, "חיים'ל ווער בעסער! חיים'ל שטייג העכער! חיים'ל ווער גרעסער!" אויב איך וואלט געמאכט נוצן פון דעם אינסטינקט פאר כבוד צו ווערן בעסער, ווער ווייסט וואס וואלט געקענט זיין?! נאר איך האב בעסער געוואלט מיטגיין מיט'ן יאך פון געוואוינהייט אויף מיינע פלייצעס. איך האב אנגענומען דאס לעבן פון אן אנשטענדיגער כאראקטער, פון אן ערליכער איד, און איך בין געווען צופרידן. און דערפאר האב איך א זיץ אין עולם הבא, אבער ס'איז נישט דער זיץ וואס איך וואלט זיך געוואלט אויסוועלן.' און דאס איז אויף אייביג. אויף אייביג!

## גוטע עגאאיסטישקייט

און דערפאר דארפט איר זיין עגאאיסטיש אויף די וועלט. דאס איז וואס עס שטייט אין פרקי אבות (א:יד), **אִם אֵין אֲנִי לִי, מִי לִי** - אויב איך בין נישט פאר מיר, ווער וועט זיין פאר מיר? דו טראכסט אז דיין טאטע און דיין מאמע טראכטן באמת פון דיר? זיי געבן אוועק עפעס צייט צו זארגן אויף דיר, אבער זיי טראכטן נישט שטענדיג פון דיר. דיין רבי אין ישיבה, דיינע מגידי שיעורים, זיי טראכטן פון דיר צומאל. אבער דו דארפסט האבן ווער עס זאל שטענדיג זארגן אויף דיר! ווער טראכט פון דיר די גאנצע צייט?!

ס'איז דא בלויז איין מענטש וואס איז פעאיג צו זארגן אויף דיר שטענדיג - דאס ביסטו אליין! און דערפאר, אויב ביסטו נישט פאר דיר, ווער וועט זיין פאר דיר? זארג אויף דיין צוקומפט! זארג איבער דיין פערזענליכקייט! וואס גייט פאסירן מיט דיר ביים סוף פון דיין לעבן? אויף וואס לעבסטו? און דערפאר, איז עס פון העכסטן וויכטיגקייט פאר א מענטש צו זאגן, "איך בין עגאאיסטיש! איך בין פאר מיר! און דערפאר גיי איך ווערן בעסער!"

## די אומבאוואוסטע גרויסע לייט

דערפאר זעט מען אז דוד המלך איז געווען זייער פארנומען מיט זארגן פאר זיך. אויב דו קוקסט אריין אין תהלים, זאגט ער נאכאנאנד, **הַלְלִי נַפְשִׁי אֶת ה'** - "מיין זעל, לויב דעם באשעפער." ער רעדט נישט צו אנדערע מענטשן. ער רעדט צו זיך. "דו, דוד! שטייג אויס גרויס!" **בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת ה'** - ער רעדט צו זיך, "מיין זעל, בענטש דעם באשעפער."

דוד איז געזעסן אין די פעלדער און געפאשעט די שאף און ער האט זיך אונטערגעשטופט. אויך ווען ער איז געווארן קעניג, ער איז געזעסן אויף זיין שטול און ער האט געזאגט די ווערטער צו זיך אליין. "דוד, מאך עפעס פון זיך. דוד, ווער נישט פארשלאפן. דו ביסט בלויז איין דוד וואס איך האב אויף די וועלט. איך וועל זיך קיינמאל נישט נאכאמאל באווייזן אויף די ארענע פון די היסטאריע. דאס איז מיין איינציגסטע געלעגנהייט. איז דוד, מאך די מערסטע וואס דו קענסט פון זיך!" און דאס איז וואס ער האט געטון.

נישט נאר דוד. צוויי הונדערט יאר צוריק איז געווען א חנה און ס'איז געווען א גיטל, ס'איז געווען א זלמן און א חיים און א משה וועלכע האבן געדינט דעם באשעפער אין מזרח אייראפע, אין קליינע שטעטלעך. עס איז געווען א רחמים און א מזל, אין - לאמיר זאגן - סיריע, אדער עפעס אן אנדערע אידישע קהילה. מענטשן זענען ארויס פון זייער וועג צו זאגן מער תפילות ווי זיי האבן געדארפט. נאכ'ן דאווענען זענען זיי פארבליבן און אויך געזאגט תהלים. זיי זענען געקומען פריער ווען עס איז נאך געווען טונקל און געלערנט תורה פאר'ן דאווענען. מענטשן וואס זענען געווען פארזיכטיג מיט תיקון המידות, מיט שמירת הלשון, מיט כיבוד אב ואם, מיט צדקה.

## מעשים וואס לעבן אויף אייביג

מיר וויסן נישט היינט פון זיי, אבער זייערע מעשים זענען נישט אפגעשטארבן! זייערע מעשים גייען מיט מיט זיי אין עולם הבא און לעבן אויף אייביג! און זיי זענען חשוב דארט צוליב די ביסל מער וואס זיי האבן געטון! זיי זענען פארגעסן ביי אונז היינט אבער דאס מאכט נישט אויס ווייל דער באשעפער פארגעסט נישט פון זיי. זייערע מעשים לעבן אויף אייביג! פאר די ביסל זאכן וואס זיי האבן געטון מער, באטראכט זיי דער באשעפער מיט די גרעסטע ליבשאפט. די מענטשן וואס איר האט געמיינט אז זיי זענען לאנג פארגעסן, זיי ווערן אנערקענט מיט א קרוין פון כבוד וואס וועט שיינען אויף אייביג אין עולם הבא!

און דאס איז פארוואס דו זאלסט קיינמאל נישט זיין צופרידן מיט וואס דו האסט שוין אויפגעטון. ס'איז פון די גרעסטע וויכטיגקייט אז דו זאלסט זיך אלעמאל אויסשלייפן מער און מער ווייל דו קענסט קיינמאל נישט וויסן וואס דו קענסט אויסשטייגן! איינמאל דו פארשטייסט דעם חילוק צווישן זיין גוט און זיין בעסער, און די אויסערגעווענליכע שטארקע כבוד וואס דו וועסט באקומען פון באשעפער פאר יעדע ביסל פארשריט, וועסטו זאגן, "איך וויל זיין אנדערש. הלואי ווער איך בעסער." און דאן, איין טאג וועסטו צוריקקוקן און דו וועסט זען דעם אונטערשייד. און דו וועסט זען אז די קליין ביסל האט געמאכט דער גאנצער חילוק אויף יענע וועלט - עס האט געמאכט דעם גאנצן חילוק אין די וועלט וואס איז די וויכטיגסטע.

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך**

### שאלה:

**זאל איך ווייטער דאווענען אויף עפעס וואס איך וויל האבן, כאטש איך האב שוין אזוי לאנג געדאווענט און איך האב נאכנישט געזען קיין שום רעזולטאטן?**

### תשובה:

יא. **קוה אל ה' חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה'** - "האף צום באשעפער, שטארק דיין הארץ, און האף ווייטער צום באשעפער" (תהלים כז:יד). געב קיינמאל נישט אויף קיין האפענונג. האלט אין איין רעדן צום באשעפער.

למעשה, עס זענען דא צוויי פארדינסטן. ערשטנס, דורך נאכאנאנד איבער'חזר'ן דיין בקשה, אפשר וועט דער באשעפער דיר אננעמען צו זיין ווערד בלויז צוליב דעם - בלויז צוליב דעם וואס דו ווענדסט זיך צו אים א גאנצע צייט. אפשר וועט ער דיר אננעמען אלס ווערד און ערפילן דיין בקשה.

און אפילו אויב, חלילה, דער באשעפער זעט פאר גוט נישט נאכצוגעבן דיינע בקשות, האסטו קונה געווען א געוואלד! ווייל תפילה טוישט א מענטש. ווען דו רופסט אויס צום באשעפער פון די טיפעונישן פון דיין הארץ, רעדסטו פאקטיש צו איינעם, און דו ווערסט מער באוואוסטזיניג אז דער באשעפער שטייט פאר דיר און הערט צו. און דאס איז איינע פון די גרעסטע פארדינסטן וואס דו קענסט אמאל קונה זיין - מער באוואוסטזיניגקייט צום באשעפער.

דאס איז פארוואס דאווענען צום באשעפער איז אזוי וויכטיג. ווען א מענטש שטייט אויף צו זאגן שמונה עשרה, שטייט ער פאר דעם קעניג. מיר זעען אים נישט, אבער ער זעט אונז. ער הערט יעדע ווארט. כי אתה שומע - דו הערסט צו צו דיין פאלק. און דו הערסט צו ברחמים, מיט רחמנות. ווען מענטשן דאווענען און זיי דאווענען נאכאמאל און נאכאמאל, דארפן זיי וויסן אז זיי לערנען א געוואלדיגער לימוד - דער געוואלדיגער לימוד פון גלייבן אין באשעפער. און ס'איז נישטא עפעס גרעסער אין לעבן ווי צו צוקומען צו אן אמת'ע אמונה אין באשעפער. און דערפאר, אויב דער באשעפער וועט צוהערן און ערפילן דיין בקשה, זייער גוט. און אויב ער וועט נישט, איז עס אויך גוט, ווייל דו האסט קונה געווען א געוואלד.